

לקוטי שיחות

BACK2BASICS

# Just Do It

## Parshas Bo
## פרשת בא

# יו"ד שבט

יח. צווישן די תקנות פון רבי'ן בעל ההילולא איז פאראן די תקנה, מען זאל יעדן טאג לערנען די פרשה חומש מיט רש"י — פון דער סדרה פון וואך — וואס איז שייך צום באטרעפנדיקן טאג.

און דער רבי האט דערביי געזאגט דעם ווארט פון אלטן רבי'ן, אז מען באדארף לעבן מיט דער צייט, וואס דאס מיינט, אז פון דער פרשה וואס מען לערנט יעדן טאג, דארף מען ארויסנעמען הוראות וואס זיינען שייך צו דעם טאג.

יט. אין דער פרשה וואס איז שייך צום היינטיקן טאג פון יום ההילולא (פון שני ביז שלישי אין סדרה בשלח), רעדט זיך ארום וועגן דעם מעמד ומצב וואס איז געווען ביי אידן א ווײלע פאר קריעת ים סוף.

קריעת ים סוף איז געווען איינע פון די גרעסטע ניסים, כלשון רז"ל [26], קשה כקריעת ים סוף. קריעת ים סוף איז א הכנה צו מתן תורה און אויך צו דער גאולה העתידה.

ווי אזוי איז מען געקומען צו קריעת ים סוף?

דערציילט זיך אין דער פרשה שלישי וואס מען לערנט מארגן, נאך דער הילולא: עס איז געווען א איד, נחשון בן עמינדב, וואס האט זיך מוסר נפש געווען און אריינגעשפרונגען אין ים, און דורך דעם האט ער פועל געווען די המשכה אין אלע אידן און אראפגעטראגן דעם נס פון קריעת ים סוף דא למטה.

כ. דאס וואס נחשון בן עמינדב איז אריינגעשפרונגען אין ים, איז דאס געווען אין יענער צייט און אין יענער לאגע, אן ענין וואס ס'איז ניט געווען איינגאנצן אויסגעהאלטן. עס איז דאך באוואוסט די שיטה, אז די אידן פאר מתן תורה האבן געהאט א דין פון בני נח, און ס'איז א פלוגתא אין ראשונים ואחרונים צי א בן-נח איז מחויב אויף מסירת נפש.

איז אויב מען נעמט אן, אז בני נח זיינען ניט מחויב במסירת נפש, טארן זיי זיך ניט מוסר נפש זיין, ווארום זיי זיינען דאך מצווה אויף שפיכות דמים אפילו של עצמו, אזוי ווי עס שטייט אך את דמכם לנפשותיכם אדרוש, במילא קומט דאך אויס אז נחשון האט זיך ניט געטארט מוסר נפש זיין.

אפילו לויט די שיטות וואס האלטן אז אידן פאר מתן תורה האבן זיך געפירט ניט ווי בני נח, איז דאס דוקא לחומרא אבער ניט לקולא. במילא האט מען זיך ניט געטארט מוסר נפש זיין.

נאר נחשון האט געוואוסט אז ווען דער אויבערשטער האט ארויסגענומען די אידן פון מצרים האט ער געזאגט, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, ד. ה. אז פון מצרים דארף מען גיין צום בארג סיני מקבל זיין די תורה. במילא איז אים ניט געווען נוגע וואס עס איז אין מיטן וועג. ער ווייסט אז מען דארף גיין צום בארג סיני. אויב עס איז דא אין מיטן א ים, האט עס צו אים קיין שייכות

---

26) סוטה ב, א.

# CLASSICAL CONCEPTS

1. We are now approaching the holy day of Yud Shvat, on which the Frierdiker Rebbe passed away. One of the many things which the Frierdiker Rebbe instituted was the daily study of the weekly Parsha with Rashi. Every day one is meant to learn the Aliya which corresponds to that day of the week, thereby finishing the Parsha in seven days. While instituting this custom, the Frierdiker Rebbe quoted the Alter Rebbe who said "We must live with the times". This is understood as an instruction to learn practical lessons, which pertain to that specific time, from the daily portion of Chumash.

2. In Parshas Beshalach, which will be read next week, the week of Yud Shvat, the Torah describes the great and awesome miracle of the splitting of the sea. Krias Yam-Suf is known as one of the greatest miracle of all times and served as a preparation for the receiving of the Torah as well as the final redemption. How was it that this historical phenomenon came about? The Torah tells us about a certain man named Nachshon who selflessly threw himself into the raging waters before they split. This act of



# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Jumped in | אריינגעשפרונגען | Between/ amongst | צווישן |
| Through this | דורך דעם | There is | איז פאראן |
| He caused | האט ער פועל געווען | Should | זאל |
| Drew down | אראפגעטראגן | Every day | יעדן טאג |
| That time | יענער צייט | Learn | לערנען |
| Situation | לאגע | Week | וואך |
| Completely correct | אינגאנצן אויסגעהאלטן | Corresponding day | באטרעפנדיקן טאג |
| Known | באוואוסט | Said with it | דערביי געזאגט |
| An argument | א פלוגתא | Must | באדארף |
| If we accept | אויב מען נעמט אן | Live with the time | לעבן מיט דער צייט |
| They are not allowed | טארן זיי זיך ניט | This means | דאס מיינט |
| According | לויט | Take/learn out lessons | ארויסנעמען הוראות |
| Didn't behave/ act | געפירט ניט | Are connected | זיינען שייך |
| To be more stringent | לחומרא | Todays | היינטיקן |
| To be more lenient | לקולא | Discusses | רעדט זיך ארום |
| Not allowed | ניט געטארט | Regarding | וועגן |
| Knew | געוואוסט | Situation | מעמד ומצב |
| Took out | ארויסגענומען | A period of time before | א ווייל פאר |
| Must go | דארף מען גיין | One of the greatest | איינע פון די גרעסטע |
| Mountain | בארג | A preparation | א הכנה |
| Didn't matter | ניט געווען נוגע | How | ווי |
| In middle of the way | אין מיטן וועג | Come | געקומען |
| If | אויב | Tells over | דערציילט |
| | | Tomorrow | מארגן |

ניט, ער דאַרף שפרינגען אין ים און גיין ווייטער ביז ער וועט קומען צו מתן תורה.

כא. ווי עס ווערט דערציילט אין מדרש (פרקא דרבנו הקדוש) אויף דער פרשה פון היינט, וואָס איז שייך צום יום ההילולא, אַז עס זיי־נען דעמאָלט ביי אידן געווען פיר כתות: איין כתה האָט געהאַלטן אַז ניתנה ראש ונשובה מצרימה. אַ צוויי־טע כתה האָט געהאַלטן מען זאָל מלחמה האַלטן מיט די מצריים. אַ דריטע כתה האָט גע'טענה'ט מען זאָל לויפן אין מדבר. מער ניט ווי איין כתה האָט געהאַלטן, אַז מען מעג אָדער מען דאַרף גיין אין ים.

איז דאָך באמת מצד דעם חשבון פון אַחרי רבים להטות, האָט דאָך נחשון אַפילו על פי שכל דקדושה געקאָנט צווייפלען אויב מען מעג גיין אין ים.

נאָר נחשון האָט ניט געוואָלט אַריינ־גיין אין קיין שקלא וטריא. ער האָט געוואוסט אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט אַז מען דאַרף גיין צום הר סיני מקבל זיין די תורה. האָט נחשון גע'טענה'ט, אַז צו דערגרייכן דעם ציל, איז ניט קיין וועג זיך אומצו־קערן קיין מצרים, אויך ניט מלחמה האַלטן מיט מצרים אָדער גיין אין מדבר. צו דעם איז דאָ מער ניט ווי איין וועג, און דאָס איז — גיין אין ים. במילא דאַרף מען שפרינגען אין ים, וואָס דורכדעם ווערט מען מיט אַ טראָט נענטער צום הר סיני.

כב. דער מעמד ומצב פון אידן ביי קריעת ים סוף איז אַ הוראה לדורות, אַזוי אויך צו דער עבודה פון דעם רבי'ן בעל ההילולא, וואָס ער אַליין האָט געאַרבעט אין עבודת הקודש מיט מסירת נפש און ער האָט דאָס אויך איבערגעגעבן צו די וואָס גייען אין זיינע וועגן.

באַלד ביים אָנהויב פון זיין נשיאות האָט ער אָנגעהויבן זיין עבודה בקו־דש מיט מסירת נפש. עס איז דאַן געווען אין רוסלאַנד די צייט ווען ד' יעווסעקעס האָבן געבושעוועט, און אָנ־צונעמען דעמאָלט אויף זיך אַ נשי־אות מפיץ זיין תורה ומצוות און פנימיות התורה, איז דאָס געווען אַן ענין הפכי פון סדר המדינה, היפך הטבע, און מען האָט אויף דעם גע־דאַרפט האָבן מסירת נפש והגוף בפועל ממש.

און דעם מסירת נפש האָט ער אויך געמאָנט פון די וואָס זיינען מיט אים מיטגעגאַנגען און מיטגע־אַרבעט.

הגם אין שלחן ערוך געפינט מען ניט קיין דין, אַז מען זאָל מאָנען פון יענעם מסירת נפש; אויף אַלע מצוות געפינט מען אַז מען דאַרף מאָנען ביי יענעם, וואָס דאָס גייט אַריין אין דער מצוה פון הוכח תוכיח את עמיתך, אָבער אויף זוכן מסירת נפש, געפינט מען דאָס ניט —

ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, בשעת מען פילט ניט אַז מען האָט אַ שליחות פון אויבן. אַנדערש איז אָבער בשעת עס איז על דרך: שכינה מדברת מתוך גרונו.

כג. דער רבי רעדט אַרום אין אַ מאמר דעם חילוק פון מסירת נפש פון רבי עקיבאָ און דעם מסירת

# CLASSICAL CONCEPTS

bravery served as the merit which drew down the miracle for the entire nation.

3. When observing Nachshon's actions, one may notice that his courageous act may not have been completely acceptable. Before the giving of the Torah, according to many opinions the Jewish people had the same status as the gentiles. There is much room for doubt regarding whether a gentile is obligated to give up his life. This would make Nachshon's actions questionable because one who gives up his life in a situation that he is not obligated to do so is considered to have spilled blood. Additionally, even according to the opinions who say that the Jewish people already had their own status even before the giving of the Torah, this was only in areas that would obligate the Jews to act more stringently than the gentiles. In a situation where the rule of a Jewish person would be more



# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Those who go | די וואס גייען | Didn't have any connection to him | צו אים קיין שייכות ניט |
| Immediately at the beginning | באלד ביים אנהויב | Jump | שפרינגען |
| Began | אנגעהויבן | Go further | גיין ווייטער |
| Then | דאן | Then | דעמאלט |
| Russia | רוסלאנד | Four groups | פיר כתות |
| The time | די צייט | Let us surrender and return to Mitzrayim | ניתנה ראש ונשובה מצרימה |
| Jewish section of the communist party | יעווסעקס | Wage war | מלחמה האלטן |
| Rampaged | געבושוועט | Run | לויפן |
| Take upon himself | אנצונעמען אויף זיך | No more than 1 | מער ניט ווי איין |
| To spread | מפיץ זיין | Allowed | מען מעג |
| Opposite | הפכי | Or | אדער |
| Also demanded | אויך געמאנט | Follow the majority | אחרי רבים להטות |
| Went with him | מיט אים מיטגעגאנגען | Could have doubted | געקאנט צווייפלען |
| Worked with him | מיטגעארבעט | But | נאר |
| Don't find | געפינט מען ניט | Didn't want | האט ניט געוואלט |
| The other person | יענעם | Questions and answers | שקלא וטריא |
| Is included | גייט אריין | Claimed | גע'טענה'ט |
| You shall rebuke your fellow | הוכח תוכיח את עמיתך | Reach | דערגרייכן |
| Looking/ seeking | זוכן | The goal | דעם ציל |
| Doesn't feel | מען פילט ניט | Return back | אומצוקערן |
| From above | פון אויבן | Through this | דורכדעם |
| But it is different | אנדערש איז אבער | A step closer | א טראט נענטער |
| Hashem speaks from his throat | שכינה מדברת מתוך גרונו | So too | אזוי אויך |
| | | He himself | ער אליין |
| | | Worked | האט געארבעט |
| | | Gave over | איבערגעגעבן |

נפש פון אַברהם אָבינו. אַז רבי עקיבאָ האָט געשטרעבט צו דעם און גע־זוכט דעם ענין פון מסירת נפש, ווי ער האָט געזאָגט מתי תבא לידי ואקיימנה.

מה שאין כן ביי אברהם אבינו איז מסירת נפש ניט געווען אַן עבודה פאַר זיך. זיין ענין איז געווען, ויקרא שם בשם הוי' א־ל עולם, אַל תקרי ויקרא אלא ויקריא, ער האָט גע־מאַכט יענעם שרייען, אַז אַלע זאָלן שרייען ניט א־ל העולם, אַז אלקות מיט עולם זיינען פרבונדן אָבער פאַרט צוויי זאַכן, נאָר א־ל עולם, דאָס איז איין זאַך — אין עוד מלבדו.

דאָס איז געווען אברהם אבינו'ס עבודה. ניט ער האָט געזוכט מסירת נפש, נאָר אויב עס האָט זיך גע־פאָדערט צו זיין עבודה מסירת נפש איז ער געווען גרייט אויף דעם. אַז מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין כבשן האש, — איז דאָס ניט געווען קיין מניעה, אַבי דורכצופירן זיין עבודה פון ויקרא שם בשם הוי' א־ל עולם.

און אויף דעם זעלבן אופן איז געווען די הנהגה ביי דעם בעל ההי־לולא. ער האָט זיך ניט געיאָגט נאָך מסירת נפש, ניט דאָס איז געווען זיין ענין. ער האָט זיך געיאָגט נאָך דעם ויקרא שם בשם הוי' א־ל עולם, מפיץ זיין תורה ומצוות מיט פּני־מיות התורה מיט אירע מנהגים און הדרכות. דאָס איז געווען זיין ענין און צוליב דעם האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך און געטאָן זיין אַרבעט מיט מסירת נפש ועד בכלל.

במילא איז ער ניט אַריינגעגאַנגען אין חקירות און שקלא וטריא אויב מען דאַרף על פּי דין אין אַזאַ פאַל זיך מוסר נפש זיין אָדער ניט. וואָ־רום ער טוט ניט אין דעם ענין פון מסירת נפש, ער טוט אין הפצת והחזקת היהדות און וועגן אַנדערע זאַכן קלערט ער ניט, קיין זאַך שטעלט אים ניט אָפּ פון זיין אַרבעט.

און דערפאַר ווערט ער אויך ניט נתפעל פון די פאַרשידענע כתות וואָס זיינען פאַראַן ביי אידן. אים איז ניט נוגע די אַלע טענות. ער ווייס מער ניט ווי איין זאַך, אַז מען דאַרף גיין וואָס נענטער צו הר סיני. אַי, ס'איז אין מיטן דאָ אַ ים, שפּרינגט ער אין ים. אַי, וואָס וועט זיין שפּעטער, — דאָס איז דעם אויי־בערשטנס געשעפט, אים איז דאָס ניט נוגע, ער דאַרף זיך טאָן זיינס, גיין אַלץ נענטער צו הר סיני.

כד. און דאָס איז די הוראה וואָס דער בעל ההילולא האָט אונז אי־בערגעגעבן, צו די אַלע וואָס דאַרפן צוגרייטן זיך צו דער גאולה העתידה:

אונזער אַרבעט איז צו מקיים זיין דעם: אני נבראתי לשמש את קו־ני [27]). אונזער אַרבעט איז — אוהב את הבריות ומקרבן לתורה.

דאָס איז אונזער ענין און מער איז אונז גאָרניט נוגע.

דאָס וואָס עס זיינען דאָ פאַרשידענע כתות מיט סברות שונות און אויך משונות, דער שרייט, ניתנה ראש ונ־שובה מצרימה, דער שרייט, מען דאַרף מלחמה האַלטן, דער שרייט, מען דאַרף

---

27) קידושין פב, א.

# CLASSICAL CONCEPTS

lenient, they were obligated to adhere to the more stringent rules of the gentiles. Being that the ability to give up one's life is considered a leniency when contrasted to the Mitzva of not killing, before Matan Torah it would not have been permitted.

4. Now that we have established that Nachson's leap into the raging water was not necessarily Halachically permissible, we must try to understand what drove Nachshon to do it regardless. Nachshon understood that the entire reason why Hashem took the Jews out of Mitzrayim was in order to receive the Torah. With this goal in mind, Nacshon did not allow anything to distract him from achieving it. He continued marching forward towards Har Sinai without anything in the way disrupting him in the slightest way. The fact that there was a sea between him and his destination didn't matter to him because the only thing on his mind was moving toward Har Sinai and receiving the Torah.



5. The Medrash recounts how at that point in time, before the sea split, the Jewish nation was divided into four groups, each with a different opinion as to how to respond to the predicament they found themselves in. The first group believed that it would be in their best interest to surrender and return to Egypt as slaves. The second group

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Didn't enter | ניט אריינגעגאנגען |
| In such a situation | אין אזא פאל |
| Regarding other things | וועגן אנדערע זאכן |
| He doesn't think about | קלערט ער ניט |
| Therefore | דערפאר |
| Wasn't affected | ניט נתפעל |
| Different | פארשידענע |
| Which exist | וואס זיינען פאראן |
| Somewhat closer | וואס נענטער |
| Later | שפעטער |
| Business | געשעפט |
| His | זיינס |
| Gave over | איבערגעגעבן |
| Prepare | צוגרייטן |
| Our work | אונזער ארבעט |
| "I was created to serve my owner" | אני נבראתי לשמש את קוני |
| More | מער |
| Also crazy | אויך משונות |
| Aspired | געשטרעבט |
| Sought | געזוכט |
| When will it come to my hands and I will fulfill it? | מתי תבא לידי ואקיימנה |
| For himself | פאר זיך |
| Do not read "And he called" but rather "And he made (others) call" | אל תקרא ויקרא אלא ויקריא |
| Made the other person call out | געמאכט יענעם שרייען |
| Are connected | זיינען פארבונדן |
| But yet | אבער פארט |
| Required | געפאדערט |
| Ready | גרייט |
| Threw into | אריינגעווארפן |
| Obstacle | מניעה |
| As long as he completes | אבי דורכצופירן |
| Same | זעלבן |
| Didn't chase after | ניט געיאגט נאך |
| With its | מיט איר |
| For its sake | צוליב דעם |
| Didn't stop | ניט אפגעשטעלט |

אַנטלויפן אין מדבר, — וויבאַלד אָבער דאָס איז ניט דער וועג צו ווערן נענטער צו קבלת התורה, איז דאָס ניט אונזער וועג.

אונזער ענין איז גיין צו קבלת התורה. עס איז דאָך נותן התורה לשון הוה. און דאָס ווען מיר טאָן אָן חשבונות. איז פאַראַן אין מיטן אַ ים — מהיכי תיתי, וועט מען גיין אין ים. איז פאַראַן אין מיטן אַ באַרג, וועט מען דורכשפּאַרן דעם באַרג. מיר גייען צו קבלת התורה אויף פאַראייניקן זיך מיטן אויבערשטן.

און אַז מען גייט מקבל זיין די תורה אָן חשבונות, איז דעמאָלט, ה' ילחם לכם ואתם תחרישון.

כה. און אַזוי ווי עס שטייט אויף נחשון'ען אַז ער האָט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער פון די נשיאים צו מקריב זיין און מחנך זיין דעם משכן, עס זאָל זיין דער ושכנתי בתוכם, אַזוי דאַרף אויך יעדער איד זיך באַטראַכטן אַלס אַ נחשון.

און דעמאָלט וועט זיין, ווי ער זאָגט אין תיקוני זהר, אַז בעת עס וועט זיך געפינען איין איד וואָס איז ווי עס דאַרף צו זיין (דאָרט שטייט דער לשון צדיק, און ס'איז דאָך ועמך כולם צדיקים), וועט ער ברענגען משיח'ן, און וועט מקבל זיין די פנימיות התורה וואָס משיח וועט מגלה זיין.

און דורך דעם וועט מען צוקומען צו אַז ישיר, מכאן רמז לתחיית המתים מן התורה, אַז עס וועט זיין הקיצו ורננו שוכני עפר והוא בתוכם, אַז דער רבי דער בעל ההילולא וועט אונז פירן אַנטקעגן משיח'ן בחסד וברחמים.

(משיחת יו"ד שבט, תשט"ז)

כו. בשעת זיין ברית האָט דער רבי געוויינט, ווי דער שטייגער איז ביי קינדער, האָט זיין זיידע דער רבי מוהר"ש געזאָגט: וואָס וויינסטו? ווען דו וועסט אויסוואַקסן וועסטו זיין... און זאָגן חסידות בשפה ברורה. אַזוי איז פאַרצייכנט אין דעם רבי'נס רשימות המאסר מיט אַ מקום חלק נאָכן וואָרט זיין. פון חסידים האָב איך געהערט אַז ער האָט געזאָגט וועסטו זיין אַ רבי. דערמיט איז פאַרשטענדלעך וואָס עס איז דאָ אַ ליידיקער אָרט אין די רשימות פון רבי'ן.

כז. ווען דער רבי איז געווען אַ קינד, אין יאָר תרמ"ד, האָט דאַן זיין פאָטער, דער רבי (מהורש"ב) נ"ע, געלעבט אין אַ דירה פון צוויי צימערן. איין צימער איז געווען דער חדר המטות — שלאָף־צימער — און אין צווייטן צימער איז ער געזעסן צוזאַמען מיט הרה"ג והרה"ח רי"מ בעזפּאַלאָוו און געלערנט. דאָרט איז אויך געווען דעם רבי'נס בעטל. דער רבי איז געווען זייער אַ שיינער, זיין פּנים האָט געלויכטן. אַמאָל, אין מיטן לערנען, שפּעט ביינאַכט האָט הרי"מ געזען דעם רבי'ן שלאָפנדיק, האָט ער אָנגעהויבן ריידן מיט דעם רבי'ן נ"ע אַז דער אויסזען און דער שיין פון פּנים ווייזט אויף טהרת המחשבה וכו'. ביי דעם רבי'ן נ"ע איז נתעורר געוואָרן אַ שטאַרקער רצון אויף אַ קוש טאָן דעם רבי'ן. איז ביי אים אַדורך אין געדאַנק,

# CLASSICAL CONCEPTS

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| The first | דער ערשטער | But since | וויבאלד אבער |
| Think to himself | זיך באטראכטן | Present tense | לשון הוה |
| Will be found | וועט זיך געפינען | We will do | וועלן מיר טאן |
| Like it ought to be | ווי עס דארף צו זיין | Without | אן |
| Reach | צוקומען | Penetrate | דורכשפארן |
| Those who lie in the ground will arise and rejoice | הקיצו ורננו שוכני עפר | In order to unite ourselves | אויף פאראייניקן זיך |
| Will lead us | וועט אונז פירן | Hashem will fight for you | ה׳ ילחם לכם |
| | | And you will remain quiet | ואתם תחרישון |

felt that they should wage war with the fast approaching Egyptian army. The third group held that everyone should flee into the desert. Finally, there was a fourth group who thought that the appropriate action would be jumping into the water. Had Nachshon followed the general rule of going according to the majority, he would have had plenty of room to debate whether it was permissible for him to jump into the water. But Nachshon didn't want to make any calculations. He knew that Hashem had said that the Jewish people must travel towards Har Sinai, and that was the only matter on his mind. He realized that all of the three other options were not going to bring him a step closer to Har Sinai and the receiving of the Torah, and they therefore weren't something he would consider.

6. This episode serves as a lesson for all generations. We specifically saw this mode of conduct by the Friediker Rebbe. Directly from the beginning of his leadership, the Frierdiker Rebbe's work was connected with total self-sacrifice. At that time, Russia was ruled by the communists who made every effort to eradicate Yiddeshkeit from their country. Every action of the Frierdiker Rebbe was a threat to his life, yet he continued to do everything within his power to spread Yiddeshkeit throughout Russia. This level of self-sacrifice was also demanded from all of those who worked with him. Although we do not find an obligation to demand Mesiras Nefesh from others, when one feels that this mission is directly from above, such measures would be understood.

7. The Frierdiker Rebbe explains in a Maamer the difference between the Mesiras Nefesh of Avraham Avinu and that of Rebbi Akiva. While Rebbi Akiva anticipated the day when he would have the opportunity to give his life over for Hashem, Avraham viewed it as something he would be we willing to do if the need arose. His primary focus was spreading the awareness of G-dliness in the world, and teaching everyone how the world itself is G-dliness. If, in order for him to accomplish this mission he needed to have Mesiras nefesh, then he was prepared to do so.



8. The Frierdiker Rebbe viewed Mesiras Nefesh in the same manner Avraham did. He did not seek out Mesiras Nefesh, but if it was necessary in order to accomplish his mission, then he was prepared to do so. This is why the Frierdiker Rebbe did not try to determine whether his specific situation demanded Mesiras Nefesh according to

במילא איז ער ניט אַריינגעגאַנגען אין חקירות און שקלא וטריא אויב מען דאַרף על פי דין אין אַזאַ פאַל זיך מוסר נפש זיין אָדער ניט. וואָרום ער טוט ניט אין דעם ענין פון מסירת נפש, ער טוט אין הפצת והחזקת היהדות און וועגן אַנדערע זאַכן קלערט ער ניט, קיין זאַך שטעלט אים ניט אָפּ פון זיין אַרבעט.

און דערפאַר ווערט ער אויך ניט נתפעל פון די פאַרשידענע כתות וואָס זיינען פאַראַן ביי אידן. אים איז ניט נוגע די אַלע טענות. ער ווייס מער ניט ווי איין זאַך, אַז מען דאַרף גיין וואָס נענטער צו הר סיני. אַי, ס׳איז אין מיטן דאָ אַ ים, שפּרינגט ער אין ים. אַי, וואָס וועט זיין שפּעטער, — דאָס איז דעם אויבערשטנס געשעפט, אים איז דאָס ניט נוגע, ער דאַרף זיך טאָן זיינס, גיין אַלץ נענטער צו הר סיני.

כד. און דאָס איז די הוראה וואָס דער בעל ההילולא האָט אונז איבערגעגעבן, צו די אַלע וואָס דאַרפן צוגרייטן זיך צו דער גאולה העתידה:

אונזער אַרבעט איז צו מקיים זיין דעם: אֲני נבראתי לשמש את קוני [27]). אונזער אַרבעט איז — אוהב את הבריות ומקרבן לתורה.

דאָס איז אונזער ענין און מער איז אונז גאָרניט נוגע.

**דאָס וואָס עס זיינען דאָ פאַרשידענע כתות מיט סברות שונות און אויך משונות, דער שרייט, ניתנה ראש ונשובה מצרימה, דער שרייט, מען דאַרף מלחמה האַלטן, דער שרייט, מען דאַרף**

**אַנטלויפן אין מדבר, — ווײַבאַלד אָבער דאָס איז ניט דער וועג צו ווערן נענטער צו קבלת התורה, איז דאָס ניט אונזער וועג.**

**אונזער ענין איז גיין צו קבלת התורה. עס איז דאָך נותן התורה לשון הוה. און דאָס וועלן מיר טאָן אָן חשבונות. איז פאַראַן אין מיטן אַ ים — מהיכי תיתי, וועט מען גיין אין ים. איז פאַראַן אין מיטן אַ באַרג, וועט מען דורכשפּאַרן דעם באַרג. מיר גייען צו קבלת התורה אויף פאַראייניקן זיך מיטן אויבערשטן.**

**און אַז מען גייט מקבל זיין די תורה אָן חשבונות, איז דעמאָלט, ה׳ ילחם לכם ואתם תחרישון.**

כה. און אַזוי ווי עס שטייט אויף נחשון׳ען אַז ער האָט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער פון די נשיאים צו מקריב זיין און מחנך זיין דעם משכן, עס זאָל זיין דער ושכנתי בתוכם, אַזוי דאַרף אויך יעדער איד זיך באַטראַכטן אַלס אַ נחשון.

און דעמאָלט וועט זיין, ווי ער זאָגט אין תיקוני זהר, אַז בעת עס וועט זיך געפינען איין איד וואָס איז ווי עס דאַרף צו זיין (דאָרט שטייט דער לשון צדיק, און ס׳איז דאָך ועמך כולם צדיקים), וועט ער ברענגען משיח׳ן, און וועט מקבל זיין די פנימיות התורה וואָס משיח וועט מגלה זיין.

און דורך דעם וועט מען צוקומען צו אַז ישיר, מכאַן רמז לתחיית המתים מן התורה, אַז עס וועט זיין הקיצו ורננו שוכני עפר והוא בתוכם, אַז דער רבי דער בעל ההילולא

27) קידושין פב, א.

# טייטשין
# TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| we will go in the sea. | וועט מען גיין אין ים. |
| If there is a mountain in middle, | איז פאראן אין מיטן א בארג, |
| we will penetrate | וועט מען דורכשפארן |
| the mountain. | דעם בארג. |
| We are going | מיר גיין |
| to the receiving of the Torah | צו קבלת התורה |
| in order to unify ourselves | אויף פאראייניקן זיך |
| With Hashem. | מיטן אויבערשטן. |
| And when we go | און אז מען גייט |
| to receive the Torah | מקבל זיין די תורה |
| without calculations | אן חשבונות |
| then it is | איז עמאלט, |
| “Hashem will fight for you | ה׳ ילחם לכם |
| And you will keep quiet”. | ואתם תחרישון. |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| the way | דער וועג |
| to become closer | צו ווערן נענטער |
| to receive the Torah, | צו קבלת התורה, |
| this is not | איז דאס ניט |
| our way. | אונזער וועג. |
| Our mission is | אונזער ענין איז |
| going to receive the Torah, | גיין צו קבלת התורה. |
| being that it is | סע איז דאך |
| “The giver of the Torah” | נותן התורה |
| in present tense. (The Torah is constantly being given) | לשון הוה. |
| And this | און דאס |
| we will do | וועלן מיר טאן |
| without calculations. | אן חשבונות. |
| If there is a sea in the middle, | איז פאראן אין מיטן א ים - |
| (Lit.: “From where does it come from”) | מהכי תיתי, |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| This that there is (here) | דאס וואס עס זיינען דא |
| Different groups | פארשידינע כתות |
| with different ideas, | מיט סברות שונות |
| and also crazy (ideas), | און אויך משונות, |
| this one screams | דער שרייט |
| “Let us surrender | ניתנה ראש |
| And return back to Egypt”, | ונשובה מצרימה |
| this one screams | דער שרייט, |
| “We must wage war”, | מען דארף מלחמה האלטן, |
| this one screams | דער שרייט, |
| “We must run into the desert”, | מען דארף אנטלויפן אין מדבר, - |
| but since | וויבאלד אבער |
| this is not | דאס איז ניט |

# R KNOWLEDGE!

4. **HOW** can we compare the Frierdiker Rebbe to Nachshon?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

5. **WHAT** was the difference between the Mesiras Nefesh of Avraham and the Mesiras Nefesh of Rebbi Akiva?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

6. **WHAT** is the lesson for our generation?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

claim that we must do other things which do not bring us closer to receiving the Torah. We must constantly be moving closer towards our goal and if there is a "mountain" or "sea" which is in the way, we must continue carrying on. Through this commitment we will reach our destination of receiving the Torah (which is constantly being given) and become unified with Hashem.

10. Just as Nachshon was rewarded for his actions by being the first of the Nesi'im to bring his present to the Mishkan which brought down the Shechina, so too every Jew must view himself as a Nachshon who can bring about great G-dly revelations in this world. The Zohar tells us that if there is even one Jew who will act according to the way that is demanded of him, he will bring about salvation to the entire Jewish people and Moshiach will come. Through this, we will merit to see Techiyas Hameisim, when we will be reunited with the Frierdiker Rebbe and we will all march forward towards Moshiach. May it be speedily in our days!

# SHOW OFF YOU

1. **WHAT** caused קריעת ים-סוף?

2. **EXPLAIN** why Nachshon wasn't necessarily responsible to give up his life **A)** If he was considered a בן נח **B)** If he was considered a Jew.

3. **WHY** did Naschshon choose to jump into the water?

## CLASSICAL CONCEPTS

Halacha or not. He had a mission, and that was to bring Torah and Mitzvos to the Jews in Russia and around the world, and he would not let anything get in the way of him accomplishing it. This is also the reason he was not distracted by what the different groups of Jews were saying at the time. He knew that he must bring Jews closer to the Torah, if there was a "sea" in the way, he would jump into the sea. As long as he would do his part Hashem would take care of the rest.



9. This is the lesson which the Frierdiker Rebbe taught our generation, which is now preparing for the coming of Moshiach. We must be aware that our mission is serving Hashem and bringing Jews closer to the Torah. Anything other than this is not relevant to us and is merely a distraction. We must not be confused by people who

# NOTES:

# NOTES:

לזכות
הבחור התמים הנעלה
**בצלא-ל שי' גופין**
שיראה הצלחה רבה בכל עניניו
ויגרום נחת רוח רב
**לכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו**

BACK 2 BASICS
Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© B2B SICHOS COVER: LEIBEL KRINSKY טייטש'ן & CONCEPTS: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON
TO SPONSOR, OR TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT B2BSICHOS@GMAIL.COM